



# תורת יואל

גליון מס'
78

אידיש

מיוחד פאר פרחי התלמידים זיך צו באקענען מיטן רבי'נס הייליגע דיבורים

י.ז. הכהן: עורך

שביעי של פסח תשפ"ו


## אז ישיר משה ובני ישראל את השירה הזאת

מדרש: הדא הוא דכתיב **פיה פתחה בחכמה, ותורת חסד על לשונה** (משלי ל"א) פרעגט דער רבי זי"ע וואס איז דער שייכות פון דעם פסוק צו די שירה?

דער רבי ברענגט צו א של"ה הק', וואס טייטש אויס די מדרש רבה, **עתידים ישראל לומר שירה לעתיד לבוא**, אז די אידן האבן געזאגט שירה אויף וואס ס'גייט געשעהן שפעטער, כאטש דערווייל האט מען נאכנישט געזעהן דעם גאנצער נס, ווייל די אידן זענען מאמינים און גלייבן אז השי"ת וועט מאכט א נס, כאטש איצט זעהט מען עס נאכנישט.

אזוי אויך זאגט דער רבי איז געווען ביי קריעת ים סוף, די עהרליכע אידן האבן געזאגט שירה, אפי' מען האט נאכנישט געזעהן די מצריים - מת על שפת הים.

און דאס איז פשט: **פיה פתחה בחכמה**, די אהובים וידידים האבן תיכף געזאגט שירה, און נישט געווארט צו זעהן דעם גאנצען נס, **ותורת חסד על לשונה**, און דאס הייסט א **חסד**, ווייל נאכן מיטהאלטן דעם גאנצען נס, איז מען שוין מחיוב מן הדין צו זאגן שירה, אבער די חכמים האבן תיכף געזאגט שירה, און דאס הייסט א תורת חסד.

## מעשה: דעם רבין'ס דאגה ערב פסח נאכמיטאג

**ערב פסח תשל"ב**, רביה"ק האט נארוואס אפגעבאקען זיינע מצות, צום סדר און פאר גאנץ פסח, דער סדר איז געווען אז דער רבי איז געפארן אין איין קאר, און דערונטער איז געפארן נאך א קאר מיט די משמשים וואס האבן געברענגט די מצות, אנקומענדיג צום רבין'ס הויז האט מען געווארט דער רבי זאל אריינגיין אין הויז, און דערנאך זענען די משמשים מיט די מצות אריין אין הויז.

דאס יאר מען קומט אן צום הויז, און מ'ווארט דער דאך פון די קאר זאל זיך עפענען, (נאכן סטראוק האט מען געמאכט פארן רבי'ן א ספעציעלע עפענונג אויפן דאך, דער רבי זאל זיך נישט מוזן איינבייגען) אבער די דאך עפענט זיך נישט, ס'איז שוין ער"פ שפעט נאכמיטאג, און דער רבי קומט נישט ארויס פון די קאר, ענדליך נאך בערך צוואנציג מינוט עפנט זיך דער דאך און דער רבי קומט ארויס, און ר' יצחק שווארץ ע"ה - פון די נאנטע שטוב מענטשען, ווייזט מיט די האנט מ'זאל **נאכנישט אריינברענגען די מצות**, די וואונדער וואקסט ווען ר' יצחק אנשטאט אריינגיין אין הויז גייט ער אריין אין זיין קאר און פארט אוועק, נאך א האלבע שעה קומט ער צוריק און גייט אריין אין רבין'ס הויז, ערשט דאן קומט ער ארויס און ווייזט מ'זאל אריינברענגען די מצות.

יעדער איז באפאלן ר' יצחק מיט פראגעס, **וואס איז דא פארגעקומען?** דערציילט ר' יצחק, אויפן וועג אהיים פון די מצה בעקריי זאגט דער רבי, אז היי יאר איז אוועק א מלמד, **און ווער ווייסט צו די אלמנה האט אויף פסח**, זאגט ר' עזריאל, אז ר' שלום לויפער וואס איז ממונה פון קהל אויף קמחה דפיסחא האט זיכער אלעס צוגעשטעלט, דער רבי זי"ע זאגט **ער איז נישט רואיג**, און וואס מ'האט געזאגט פארן רבי'ן האט דער רבי נישט אנגענומען, אזוי איז אנגעגאנגען צוואנציג מינוט אין די קאר פארן הויז, ביז ר' יצחק זאגט אז ער וועט אריבערגיין צו די אלמנה זיכער מאכן אז ס'פעלט נישט גארנישט, און דער רבי זאגט אז ער וויל נישט אריינברענגען די מצות ביז מ'איז נישט מברר צו די אלמנה האט באקומען אלצדינג אויף פסח.

**ר' יצחק ווייזט נישט אריינברענגען די מצות,** ער פארט אריבער צו די אלמנה און קומט תיכף צוריק צום רבי'ן און זאגט, ער האט געזען א שיינעם צוגעגרייטן סדר טיש, דער רבי פרעגט די קליינע יתומים האבן נייע קליידונג און שיך, ר' יצחק זאגט יא ער האט געזען נייע אנצוג'ער, און **ליתר שאת** האט ער געגעבן די אלמנה $500 זי זאל האבן א שמחת יו"ט, דער רבי האט אויפגעלאכטן, **יא:** דאס האב איך געוואלט הערן, און איצט ברענגטס אריין די מצות לכבוד פסח.

# א בינטל זכרונות

**הרה"ג ר' יעקב ווייס שליט"א - מגיד מישרים**

**לכבוד די הילולא רבה, כ"ו ניסן, פון דעם רבי'ן דער ברך משה זצ"ל, האבן מיר זיך געווואנדען לאחד מן החבורה, פון די גאר נאנטע תלמידים, זיך אסאך געדרייט נעבן רבי'ן זי"ע, און האט באמערקט און באאבאכט א געוואלד עובדות ומנהגים, און דערציילט מיט א געוואלדיגע דייקנות:**

## חודש ניסן תשמ"ו בצל הקודש

איך וויל איבערגעבן מיינע זכרונות ווען איך האב געהאט די זכי' בימי בחרותי להיות סמוך על שולחנו הטהור פון **כ"ק מרן רבינו הגה"ק בעל ברך משה זי"ע** בליל התקדש החג תשמ"ו לפ"ק.

אזוי ווי איך בין געווען א בחור פון ארץ ישראל אוועק פונדערהיים, האב איך מיט געלעבט און באגלייט דעם רבי'ן במשך חודש ניסן תשמ"ו, איך האב מיך פארצייכנט פארשידענע נאטיצן מזכרונות ימי קדם. עס איז זייער אינטערסאנט צו זעהן וואס דער רבי האט אלס עוסק געווען אין עטליכע טעג חודש ניסן, ממש א וועלט.

כ'וועל דא איבערגעבן מרשימותי פון די וואכן בעפאר פסח, און פונעם הייליגן סדר נאכט גופא:

א. כ"א אדר ב' איז דער רבי ארויסגעקומען אין די מתיבתא אין קרית יואל, און האט פארגעלערנט סוגיא, אזוי ווי יענעם זמן האט מען געלערנט אין ישיבה מסכת פסחים, האט דער רבי דעמאלטס פארגעלערנט די סוגיא פון 'שלא כדרך הנאתן', עס איז שוין געווען סוף זמן, אבער מיר האבן זיך דערקוויקט מיט דעם רבינ'ס שיינע חידושים (א חלק דערפון איז געדריקט אין ברך משה אנהייב פרשת כי תשא), נאכדעם האט דער רבי געזאגט א שמועס הכנה לימי בין הזמנים וחג הפסח.

ב. נאכן שיעור איז דער רבי ארויף אין איינע פון די שיעור שטובער (עס איז נאך געווען דער אלטער בנין הישיבה, וואו דער ביהמ"ד איז געווען אונטן, און די שיעור שטובער זענען געווען אויפן שטאק) דארט האט מען געמאלן די ווייץ פארן רבי'נס מצות, דער רבי האט אליינס געמאלן א שטיק צייט, און האט אנגעזאגט די בחורים מ'זאל גארנישט רעדן די גאנצע צייט, עס זאל נישט פאלן א טראפ פייכקייט פון מויל אויף די מעל.

אזוי אויך האט ער געהייסן זיך אפשטעלן יעדע פאר מינוט, כדי דאס מילעכל זאל נישט ווארעם ווערן און ס'קען שוויצן און פייכט מאכן די מעהל.

דעמאלטס האט דער רבי פארציילט אז די עבודה פון מאלן די ווייץ פאר די מצות האט ער צוגעזעהן אין סיגעט ביים **קרעטשניפער רבי'ן הרה"ק רבי אליעזר וואלף ז"ל**, וואס האט געמאלן די ווייץ מיט א פייערדיגן ברען, און ער האט געזעהן ביי אים א זעלטענע חביבות המצוה.

ג. נאכן מאלן די ווייץ איז דער רבי ארויס צום בית החיים, זיך משתטח זיין אויפן ציון הקדוש פון **רבינו הדברי יואל זי"ע**.

דאס פלעגט זיך מאכן אסאך מאל אז דער רבי איז געקומען צום ציון ערב ראש חודש ניסן (עס ווערט געברענגט בשם המקובלים אז ערב ראש חודש ניסן איז א עת רצון זיך משתטח זיין אויף קברי צדיקים), דער רבי האט געזאגט כנהוג די תפלה פון ישמח משה, דערנאך דער יום תהלים יום רביעי, און האט זיך משתטח געווען, און האט מיטגעברענגט מיט זיך א גאנצן זאק מיט קוויטלעך וואס ער האט באקומען פונעם ציבור אנשי שלומינו די לעצטע תקופה, און האט עס אראפגעשטעלט אויפן ציון.

ד. יענעם יאר איז דער רבי געקומען אנהויב חודש ניסן באקן מצות אין די 'קרית יואל מצה בעקעריי', וואס איז דעמאלטס געווען אין בנין ישיבה קטנה אויף געציל בערגער בלווד. איך ווייס נישט דעם טעם פארוואס דער רבי האט יענעם יאר נישט געבאקן אין וויליאמסבורג מצה בעקעריי כדרכו בקודש מימים ימימה, אבער אזוי איז געווען די מציאות. דער רבי איז במשך די גאנצע צייט געווען אקטיוו מיט די השגחה אויפן באקן.

ה. אור ליום ה' ניסן, אינעם טאג פון די יארצייט פונעם רבי'נס מאמע **הרבנית הצדיקת ברכה סימא ע"ה**, איז דער רבי נאכאמאל ארויס געקומען קיין קרית יואל, דעמאלטס איז פארגעקומען די הנחת אבן הפינה פארן בנין 'ישיבת עצי חיים', וואס דער רבי האט געבויעט און מנדב געווען, דער רבי איז ארויס אויפן ליידיגן פעלד דארט נעבן סטראפקוב ראוד. עס איז שוין געווען אויפגעגראבן דעם גרוב פארן פונדאמענט, דער רבי איז אריין געקראכן, און האט אראפגעלייגט א שטיין אנגעשמירט מיט צעמענט, דערנאך האט מען געמאכט דארט א ריקוד אויף 'אמר רבי עקיבא אשריכם ישראל', דער רבי איז געטאנצן עטליכע מינוט.

איך האב שפעטער געפרעגט דעם רבי'ן וואס עפעס האט מען געזינגען 'אמר רבי עקיבא', האט דער רבי מיר געזאגט "איך מאך דאך דארט א מקוה אויך".

נאך די הנחת אבן הפינה איז דער רבי געגאנגען אין גרויסן בית המדרש און געדאוונט מנחה, און ער האט זיך אראפגעזעצט אויף א בימה אויף מזרח, און האט גערעדט פארן גאנצן ציבור א אריכות פון א דרשה, ער האט ארויסגעברענגט די געוואלדיגע ידידות צווישן די צוויי ברודער'ס דער עצי חיים און רביה"ק ז"ל, און ער איז זיכער אז דער פעטער האט א נחת רוח בגנזי מרומים אז אין זיין שטאט גייט זיין א בנין לשמו פונעם ברודער בעל עצי חיים, נאך די דרשה איז דער רבי צוגעגאנגען צום עמוד צו מעריב לכבוד די יארצייט.

ו. איך האב אין יענע טעג באגלייט דעם רבי'ן עטליכע מאל אין די מצה בעקעריי אין

# א ביטל זכרונות

## הרה"ג ר' יעקב ווייס שליט"א (המשך)

וויליאמסבורג, דער רבי האט מקפיד געווען מ'זאל נישט פאראויס פארציילן אז ער קומט, ער האט זיך אומגעקוקט אויף יעדן פרט, און הרה"ח ר' יודל ראזענבערג ז"ל פלעגט אים ווייזן אלע פרטים און פרטי פרטים. קיינמאל האט ער נישט פארגעסן צו זאגן 'דעם פעטער'ס כח', אזוינע הידורים אין די מצות איז נאך קיינמאל נישט געווען.

ז. במשך די ערשטע וואך פון חודש ניסן, יעדן איינציגן טאג האט דער רבי ז"ל פארהערט א אנדערע סניף פון די ישיבות קטנות, וויליאמסבורג, בארא פארק, קרית יואל, מאנסי, יעדן טאג איז באשטימט געווארן פאר א אנדערע ישיבה, די מנהלים האבן געדארפט א טאג פריער מעלדן דעם רבי'ן וואס מ'קומט זיך פארהערן, ווייל דער רבי האט עס זייער ערנסט גענומען, און האט זיך פארגעקוקט צום פארהער.

עס איז מיר געווען א מורא'דיגע חידוש, ווי אין די פארנומענע טעג פון חודש ניסן האט דער רבי מקדיש געווען יעדן איינציגן טאג עטליכע שעה צו פארהערן נאך א ישיבה קטנה און נאך א ישיבה קטנה.

יענעם יאר איז געווען דער סדר, אז דער רבי איז אריבער קעגן איבער זיין הויז אינעם בנין ביהמ"ד 'בית יואל' אויף בעדפארד, דארט זענען די בחורים זיך צוזאם געקומען, און דער רבי האט פארהערט יעדן בחור.

איך געדענק ווען דער רבי פלעגט צוריק קומען פון די פארהערן פלעגט ער פארציילן מיט התפעלות אז די בחורים לערנען פלייסיג, און דאס גיט אים חיזוק אנצוגיין מיט די הייליגע ארבעט בהנהגת הקהילה.

ח. דער רבי פלעגט דאווענען מנחה מעריב יעדן טאג אין קליינעם ביהמ"ד ביי זיך אינדערהיים.

האב איך פארצייכנט צוויי עפיזאדן וואס איז געווען יענעם חודש ניסן אין טאג ביי מנחה, אינמיטן די הויכע שמונה עשרה האט דער רבי געהערט פון אונטן ווי עמיצער שמועסט, דער רבי האט זיך אויפגעשטעלט מיט א ריתחא דאורייתא "איך וויל נישט הערן שמועסן ביי מיר אינמיטן דאווענען".

א אנדערן טאג נאך מנחה, דער רבי איז ארויס פון ביהמ"ד און ער זעהט דארט אין די האל וואו עטליכע אינגעלייט שטייען און שמועסן געמיטלעך, זאגט זיי דער רבי: אין די טעג פון ערב פסח, ווען איר לערנט נישט אדער איר דאווענט נישט, זענט איר מחויב מקיים זיין 'עזוב תעזוב עמו', מיט די אייגענע בני בית וואס ארבעטן שווער פסח'דיג צו מאכן, סתם שטיין די טעג און שמועסן איז א געוואלדיגע עוולה.

ט. איך האב מיטגעהאלטן ווי דער רבי בכבודו ובעצמו האט זיך אפגעגעבן אין יענע טעג מיט ארום טיילן קמחא דפסחא פאר עניים ונצרכים.

איך געדענק הרה"צ רבי שלום אליעזר שליט"א קומען צום טאטן, מיט א גרויס טשעק-ביכל, און האט אויסגעפיל טשעקס לויטן באפעל פונעם רבי'ן אליינס, און עס נאכדעם אפגעשיקט פאר די אדרעסן וואס דער רבי האט געהייסן.

י. יענעם ז' ניסן, נאך וואס דער רבי האט געדאווענט פארן עמוד צו די יארצייט פון זיין באבע די רביצין פונעם קדושת יו"ט ז"ל, האט דער רבי מיך געהייסן איך זאל אים אנרופן הרה"ג ר' יצחק יחיאל גליק ז"ל מזכיר התאחדות הרבנים, עפעס איז דעמאלטס פאראגעקומען אין ארץ ישראל, און דער רבי האט אים באאויפטראגט אז מ'זאל מאכן קומענדיגן חול המועד פסח א פראטעסט אין מאנהעטן ביים איזראעלישן קאנסולאט, איך געדענק טאקע יענעם פראטעסט וואס איז געווען א חידוש ווען דער גאנצער עולם איז געגאנגען מיט שטריימלעך.

יא. יענעם יאר האט דער רבי ביי די שלש סעודות תורה אין חודש ניסן שטארק מתריע געווען אויף דעם וואס דער עולם איז זיך מיקל אריינצונעמען אין שטוב פסח פארשידענע נייע מאכלים אשר לא שערום אבותינו.

איך געדענק ווי עס איז געווען א חידוש אז דער רבי האט געזאגט אין מיטן שלש סעודות תורה "איך הער אז מ'קען שוין באקומען טשאקאלאדע אויף פסח"

אלע שלש סעודות תורות האט דער רבי געענדיגט מיט א קול חנוק מדמעות, "מ'זאל זוכה זיין צו די גאולה בניסן נגאלו ובניסן עתידין להגאל".

יב. א טאג צוויי פאר פסח איז געווען א העליכער מחזה ווען די בחורים זענען געקומען אין קליינעם ביהמ"ד אין רבינס הויז בודק זיין די חסא פאר מרור, דער רבי האט זיך ארום געדרייט צווישן די בחורים, און געוויזן וויאזוי בודק צו זיין, און ארויסגעברענגט די הארבקייט פון איסור תולעים, דער רבי האט אליינס אויך בודק געווען, די ארבעט האט געדויערט כמעט א גאנצן טאג. ווייל מ'האט יעדן בלעטל בודק געווען דריי מאל.

יג. די נאכט פון בדיקת חמץ, איז דער רבי געגאנגען שעפן מים שלנו אין די מצה בעקעריי אויף בראדוועי, עס איז געווען א גרויס געדרענג, דער רבי האט אנגעשעפט וואסער, זאגנדיג דערביי די אותיות אל"ף בי"ת גימ"ל וכו'.

ארויסגייענדיג פון מים שלנו האט דער רבי באגעגנט הגה"צ **רבי אברהם לייטנער אב"ד מאנטיווידעאו** וועלכער איז אויך געקומען צו מים שלנו, דער רבי האט זיך אפגעשטעלט און געוואונטשן א חג כשר ושמח, ונאכל שם מן הזבחים ומן הפסחים.

יענעם יאר האב איך זוכה געווען צו זיין ביים רבי'ן ביידע סדרים ביידע נעכט, און אויך געגעסן אלע סעודות יום טוב ביים רבי'ן, די נאטיצן פון די סדרים און די סעודות יום טוב ביי א קומענדיגע געלעגנהייט.

# פרשת שמיני תשפ"ו

## ויאמר משה זה הדבר אשר צוה ד', וירא אליכם כבוד ד' (ט, ו)

מדרש ילקוט שטייט: **אמר להן משה לישראל**, משה רבינו זאגט פאר די אידן, **אותו יצר הרע תעבירו מלבבכם**, דעם יצר הרע זאלט איר ארויסווארפן פון ענקערע הערצער.

פרעגט דער רבי זי"ע, וואס וויל דער מדרש מיט די ווארט אותו, איז דען דא עטליכע סארט יצר הרע'ס?

דער רבי ברענגט צו א **אור החיים הק'** פון פרשת אחרי, ווי ער זאגט, אז נדב און אביהוא זענען געשטארבן ווייל זיי האבן זיך דערנענטערט צום הייליגן באשעפער מיט א מורא'דיגע התקרבות - נאנטשאפט, **עד כלות**, און אפי' זיי האבן געוואוסט אז זיי קענען שטארבן, אעפ"כ האבן זיי זיך נישט צוריק געהאלטן.

איז דער רבי מסביר, אז דאס איז געווען עצת היצר, ווייל דער טאג פון **הקמת המשכן** האבן זיי געהאט אזא התגלות פון קדושה, אז זיי האבן געהאט א תשוקה - גליסטונג, צו גיין נענטער צו השי"ת, וואס דאס איז געווען פיתוי היצר, ווייל משה רבינו האט געווארנט: **זה הדבר אשר צוה ד'**, דער רצון ד' איז נישט אריינצוגיין אין אוהל מועד.

פארשטייט זיך - פיהרט אויס דער רבי - אזוינע יצה"ר איז נאר דא ביי זייער גרויסע לייט, צו געווענליכע מענטשן וועט דער יצה"ר אנרעדן צו סתם גראבע עבירות.

און דאס איז פשט אין מדרש, **אותו** דער יצר הרע וואס איז דא ביי געהויבענע מענטשן, און שטופט - נישט צו פאלגען, אפי' מיט עהרליכע כוונות, דעם יצר **תעבירו**: זאלט איר אויך ארויסווארפן פון ענקערע הערצער.

---

ידיעות קאלום

מנהג | טעמו | ומקורו

### שבת געהלע מצות

דער שבת נאך פסח רופט מען אזוי, פון חידושי הרי"ם שטייט א טעם, ווייל קריעת ים סוף איז געווען מיטוואך, און שבת איז מען אנגעקומען קיין מרה, ווי דער וואסער איז געווען גרין/געהל, לזכר הייסט דער שבת "שבת געהלע מצות" אין קאמארנע איז געווען דער מנהג צו עסן, מצות געפרעגלט אין אייער.

דער אלכסנדר רבי זצ"ל אין ישמח ישראל, ברענגט בשם דער קאזניצער מגיד, אז ס'איז א טעות העולם, און דער ריכטיגער נאמען איז "שבת גאולה מצות".

**אבותינו ורבותינו** האבן זיך געפיהרט צו באקן א שליסל חלה, אדער צו לעכערן די חלה מיט א שליסל, ווי ס'ווערט געברענגט פון דעם הייליגן אפטער רב זצ"ל, (לקוטים) און זאגט צוויי טעמים: 1) אום יו"ט פסח זענען אלע שערים אפען, און מאכן זיך צו נאך יו"ט, און כדי צו האלטן אפען, לעכערט מען מיט א שליסל 2) מיר ציילן ספירה 49 טעג, אנטקעגן די שערי בינה, און יעדער שער האט א שלאס, לזכר לעכער'ט מען די חלה מיט א שליסל, ס'זאל האבן א צורת מפתח.

אויך ווערט געברענגט, די אידן האבן געגעסן די מן ביז איצט, ביז הקרבת העומר דעם צווייטן טאג פסח, נאך פסח האבן די אידן מתפלל געווען ס'זאל זיך עפענען די שערי הפרנסה.

---

## הערת הקוראים

בנוגע דער קאפיטל היסטאריע - אין גליון פר' תצוה - ווי רביה"ק איז געווארן אויפגענומען אין די שטאט סאטמאר, איז אינטרעסאנט צו וויסן, אז דער רבי האט אויך קאנדידירט פאר די רבנות אין די שטאט חוסט, נאכדעם וואס מהרי"ץ דושינסקי איז ארויף קיין ארץ ישראל, ס'האט אויך קאנדידירט הרה"ג רבי יושע גרינוואלד ז"ל, בעמח"ס חסד יהושע, און נאך קאנדידאטן.

אונזער זיידע הרה"ח ר' יושע פיש ז"ל (א איידעם פון ר' משה טעטש'ער) האט געוואוינט אין חוסט, און אנגעפירט א שטארקן קאמפיין, פארן רבי'ן, און דער רבי האט טאקע געווינען, באקומענדיג די מערסטע שטימען.

למעשה האט א דריטער קאנדידאט איבערגעגעבן זיינע שטימען פאר רבי יושע גר"וו, און אזוי ווי דער רבי האט דאן געווינען די וואלן אין סאטמאר, האט זיך דער רבי גענצליך ארויסגעצויגן פון די חוסט'ע רבנות.

(משה יצחק פיש - וויליאמסבורג)

ליינענדיג די נאטיצן פון הרה"ח ר' חיים אלעזר שפיטצער הי"ו, ווי ער דערציילט איבער דעם "אחד" תנועה וואס מ'פלעגט הערן פון רבי'ן ביי מעריבית. דערציילט מיין פאטער הרה"ח רבי יושע שליט"א, וואס האט געהאט די זכי' און חזקה צו זיין דער שליח פון רבי'ן יעדן פורים צו טראגן משלוח מנות.

בשנת תשכ"ד האט דער רבי געליטן פון א רויז פורים צייט, און האט נישט געטארט אראפגיין פון בעט, איז מיין פאטער אריין אין צימער, איבערנעמען די משלוח מנות, דער רבי איז געזיצן מיט דער ווייעדיגע פוס אין דער הייעך.

בשעת'ן איבערגעבן די משלוח מנות, האט זיך דער רבי פאר'מוח'ט פאר עטליכע מינוט, און געמאכט די זעלבע תנועה ווי ביי מעריב.

(חיים צבי מענדלאוויטש - קרית יואל)

---

פאר הערות רופט: 347.603.0383 • צו באקומען דעם גליון וועכענטליך, שיקט אן אימעיל צו: toirasyoel@gmail.com